# עולת שבת בשבתו

כתה ט' מכינה לישיבה בת"ת תו"י דרב"י קרית יואל יצ"ו בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת | פרשת חיי שרה | שנת תשע"ב לפ"ק

## מילי דחסידותא

**ותקה הצעיף ותתכס:** דער הייליגער **אוהב ישראל** זי"ע שמועסט אויס דעם פסוק איבער די געוואלדיגע מעלה פון זאגן פסוקי דזמרה מיט התעוררות און כוונה, וואס דאס טוט אויף גרויסע זאכן אין הימל.

דאס ווארט **צעיף** באטרעפט 255 אזוי ווי דאס ווארט **רנה**, וואס דאס צייגט אויף די פסוקי דזמרה וואס איז א שבח והודאה פארן אייבערשטן, און מ'קען מיט דעם פארשניידן אלע דינים וואס זענען דא אויף אידישע קינדער. און דאס ווארט 'זמרה' איז אויך טייטש א לשון פון פארשניידן, ווייל איר כח איז לזמר עריצים ולהכרית הקוצים.

דאס זאגט דער פסוק אז דאס איז געווען די עבודה פון די צדיקת רבקה אמנו, אז **ותקה הצעיף** זי האט גענומען די מדריגה פון רנה, און זי האט מתקן געווען מיט דעם לדורות עולם אז מיטן זאגן פסוקי דזמרה זאלן די תפילות נתקבל ווערן, **ותתכס** און מיט דעם פארדעקן די דינים.

## דרש דרש

עס שטייט אין מדרש **נבהל להון רע עין זה עפרון שלקח ממנו קנטורין ולא ידע כי חסר יבואנו שעפרון חסר כתיב.**

זאגט דער **פנים יפות** א שיינעם דרוש לויט דעם מדרש וואס זאגט אויפן פסוק **ויקם שדה עפרון אשר במכפלה** אז עס איז באמת געווען טאפעלט ווערט פון דעם פרייז וואס אברהם אבינו האט באצאלט.

לויט דעם וואלט ווען עפרון לכאורה געקענט טענה'ן אז עס איז א מקח טעות און ער וויל צוריק ציעהן פונעם געשעפט, ווייל כאטש מיר פסק'ענען אז ביי קרקע גייט נישט אן אונאה און עס איז מקח קיים, דאס איז אבער נאר אויב די אונאה איז ווייניגער ווי האלב. און אויב דער מערת המכפלה איז באמת געווען צוויי מאל אזויפיל ווערט פון וויפיל ער האט באצאלט, האבן מיר דאך געלערנט (אין תוס' קידושין מ"ב ע"ב) אז מקח בטל.

אבער ווי באלד עפרון האט גענומען פון אברהם קנטורין, וואס דאס זענען מער גרעסערע און טייערע געלט פון סתם זילבערנע שקלים, איז דאך די אונאה יא געווען ווייניגער ווי די האלב, ממילא איז מקחן קיים און ער קען נישט צוריק ציעהן דעם מקח.

דאס זאגט דער מדרש **נבהל להון רע עין זה עפרון שנטל ממנו קנטורין**, און ווייל ער האט גענומען די טייערע געלט, נישט קיין געהעריגע שקלים, דאס האט גורם געווען **ולא ידע כי חסר יבואנו** ווייל דאס האט געמאכט אז ער זאל נישט קענען נאכדעם צוריק ציעהן דעם מקח.

---

**מה' יצא הדבר, מהיכן יצא מהר המוריה:** דער **ישמח משה** זי"ע פארענטפערט דעם מדרש פליאה, לויט די באקאנטע מחלוקת צווישן דעם **נודע ביהודה** מיט **הגאון ר' איציקל האמבורגער** זי"ע, וואס קריגן זיך אויב ווען איינער האט געשיקט א **שליח לדבר עבירה**, אויב די שליחות האט א קיום צי עס ווערט בטל. דער נוב"י האלט אז די מעשה איז בטל, און **ר' איציקל האמבורגער** האלט אז די מעשה איז קיים.

ברענגט **רבי איציקל האמבורגער** א ראי' אז די מעשה ווערט נישט בטל, ווייל מיר לערנען אנהויב פרק האיש מקדש אז אויב איינער האט מקדש געווען דורך א שליח איז די קידושין תופס, כאטש מ'טאר נישט מקדש זיין דורך א שליח, ווייל אסור לקדש אשה עד שיראנה, דאך איז די קידושין תופס.

טענה'עט אבער דער **נוב"י** אז פון דעם איז נישט קיין ראי' ווייל יעדער איז מודה אז דארט וואו עס איז נישטא קיין ברירה מעג מען מקדש זיין דורך א שליח, און דער עד שיראנה איז נישט מעכב, און דאס וואס די משנה זאגט האיש מקדש רעדט אויף אן אופן ווען מ'קען נישט אן א שליח.

דא ביי יצחק זעהן מיר אז זיי האבן געזאגט **מה' יצא הדבר** ווייל ער האט איר שוין מקדש געווען, לכאורה דארף מען פארשטיין ווי אזוי האט ער געקענט מקדש זיין דורך א שליח, אמער אויב יצחק האט איר נישט  געזעהן איז דאס דאך א דבר עבירה, און די קידושין איז נישט תופס.

מוז איך ענטפערן ווי דער נוב"י אז דא איז אנדערש וויבאלד יצחק האט נישט געקענט קומען ווייל ער איז געווען א קרבן עולה אויפן הר המורי', און ער האט נישט געמעגט ארויסגיין פון ארץ ישראל.

דאס זאגט דער מדרש **מהיכן יצא** ווי אזוי איז דאס ארויסגעגאנגען, די קידושין איז דאך נישט תופס, אויף דעם זאגט דער מדרש **מהר המורי'** וויבאלד ער איז געווארן א קרבן אויפן הר המורי' האט ער דאך נישט געהאט קיין ברירה ממילא איז די קידושין תופס.

## מילי דרמיזא

**היש בית אביך מקום ללון:**

הרה"ק **רבי יהושע'לע דזיקוב'ער** זי"ע זאגט א דבר נפלא, בהקדם וואס ווערט געברענגט אז די עקידת יצחק איז געווען יום כיפור, און דריי טאג האט גענומען ביז ווען אברהם אבינו איז צוריק געקומען קיין חברון, וואס דארט איז אים געקומען די בשורה אז רבקה איז געבוירן געווארן, וואס דאס איז געווען י"ב תשרי.

אין **פרקי דרבי אליעזר** ווערט געברענגט אז ווען אליעזר האט מקדש געווען רבקה איז זי אלט געווען דריי יאר מיט דריי טעג, קומט אויס אז דער טאג וואס אליעזר איז אנגעקומען צום ברונעם וואו ער האט באגעגענט רבקה, איז געווען ט"ו תשרי דעם ערשטן טאג סוכות.

דאס איז דער פשט וואס אליעזר האט איר געפרעגט **הגידי נא לי, היש בית אביך מקום לנו ללין?** די צוויי ווערטער **נא לי** איז בגימטריא **סוכה**, זיין שאלה איז געווען, צי עס איז דא א פלאץ וואו צו מאכן א סוכה אז מען זאל דארט קענען איבערנעכטיגן?

**רבקה** האט פארשטאנען די שאלה, און זי האט געענטפערט **גם תבן גם מספוא רב עמנו**, ווייל די הלכה איז אז מען קען מאכן א סוכה פון **פסולת גורן ויקב**, דעריבער קען ער זיכער האבן א כשר'ע סוכה ביי בתואל אין שטוב.

אין ספר **חמרא טבא** פון **הגה"ק מבארנוב זצ"ל** לייגט ער צו אז דאס זאגט דער פסוק אז אליעזר איז אנגעקומען **לעת ערב לעת צאת השואבות**, אין די צייט ווען מען גייט ארויס פראווען די **שמחת בית השואבה**.

# בפרדס הפרשה

ידיעות וענינים השייכים לפרשת השבוע

## תפילת מנחה

**ויצא יצחק לשוח בשדה:** די גמרא זאגט אין מס' ברכות (דף כ"ו ע"ב) יצחק תיקן תפילת מנחה שנאמר ויצא יצחק לשוח בשדה לפנות ערב. אויך זאגט די גמ' (דף ו' ע"ב) א"ר חלבו א"ר הונא לעולם יהא אדם זהיר בתפילת מנחה שהרי אליהו לא נענה אלא בתפילת מנחה.

אין **טור** שטייט דער טעם פארוואס תפילת מנחה איז מסוגל אז מ'זאל געהאלפן ווערן, ווייל תפילת שחרית איז א מענטש געוואוינט אז מ'שטייט אויף אינדערפרי און מ'דאווענט, און די זעלבע זאך ביי מעריב דאווענט מען ווען מ'קומט אהיים ביינאכט. אבער אנדערש איז ווען מ'שטעלט זיך דאווענען מנחה רייסט מען זיך אוועק אינמיטן טאג, מען לייגט אוועק אלע געשעפטן און מען גייט דאווענען פארן אייבערשטן וועגן דעם איז דער כח אזוי גרויס.

דער **כלי יקר** ברענגט א ראי' טאקע פון יצחק אבינו, ווייל יצחק אבינו האט ביי מנחה מתפלל געווען אויף א זיווג ווי עס שטייט אין פסוק "על זאת יתפלל כל חסיד אליך לעת מצא", און ביים דאווענען האט ער געהאלטן די אויגן אויף אראפ ווי עס איז די הלכה, און ווי נאר ער האט געענדיגט דאווענען, און ער האט אויפגעהויבן די אויגן "וישא עיניו וירא והנה גמלים באים".

זאגט דער **כלי יקר** פארוואס מנחה האט אזא שטארקן כח, ווייל ביינאכט איז דא מידת הדין וואס איז מקטרג, און שחרית דאווענט מען נאנט צו די נאכט, און מעריב איז אויך ביינאכט, אבער מנחה וואס מען דאווענט בייטאג איז נישטא קיין קטרוג דערקעגן, דעריבער ווערן די תפילות נתקבל.

**פארוואס ווערט די תפילה אנגערופן מיטן נאמען "מנחה"?**

א) תוספות אין מס' פסחים (דף ק"ז) זאגט א טעם אז די תפלה הייסט מנחה וועגן די "מנחת חביתין" און דער "**מנחת התמיד**" וואס מען האט מקריב געווען אין ביהמ"ק בין הערביים (כאטש מען האט דאס מקריב געווען אויך אינדערפרי, אבער אינדערפרי האט דאך שוין א צווייטע נאמען).

ב) נאך א טעם ברענגט **תוספות** ווייל אליהו הנביא איז געהאלפן געווארן בשעת ווען מען איז מקריב א קרבן מנחה, וועגן דעם איז דאס אן עת רצון, רופט מען דאס "תפילת מנחה".

ג) דער **אבודרהם** זאגט אז אדה"ר האט געזינדיגט אין די 10'טע שעה פון טאג, אין פסוק (בראשית ג' ח') שטייט אז דער זמן ווען ער האט געזינדיגט איז געווען לרוח היום, אויף וואס דער תרגום זאגט "למנח יומא", זעהן מיר אז די 10'טע שעה נאכמיטאג ווערט אנגערופן א לשון פון מנחה.

ד) אין **טעמי המנהגים** ווערט געברענגט וויבאלד יצחק איז געווען א קרבן עולה, און ער האט געזעהן אז פון זיין עולה האט געפעלט א קרבן מנחה, האט ער וועגן דעם מתקן געווען די תפלה.

ה) דער **קדושת לוי** (בפרשתן) זאגט א דבר נפלא, שחרית איז מען מחויב צו דאווענען צו לויבן דעם אייבערשן אז ער האט צוריק געגעבן די נשמה, און נאך אנדערע גוטע זאכן ווי די זון וואס שיינט, מעריב מוז מען דאווענען ווייל מיר געבן צוריק פארן אייבערשטן די נשמה אלס פקדון, און מיר גלייבן אז השי"ת וועט אונז צוריק געבן דעם פקדון, אבער מנחה איז מען נישט מחויב צו דאווענען, נאר מיר געבן די תפילה ווי א מתנה פארן אייבערשטן, וועגן דעם רופט מען דאס "**מנחה**" א לשון נדבה.

# מילי דשמעתתא

בשיעור השבוע במס' קידושין פרק האיש מקדש

## מורד במלכות הוי

די גמרא זאגט אין מס' שבת (דף נו ע"א) אמר רב רבי דאתי מדוד מהפך ודריש בזכותי' דדוד. רבי וואס שטאמט פון דוד המלך, טוט נאכגיין און דרש'נט אינעם זכות פון דוד המלך, אז ער האט געמעגט הרג'ענן אורי' החתי. פרעגן אלע מפרשים וואס מיינט דער לשון 'מהפך ודריש', וואס דרייט ער איבער?

ענטפערט דער **מעשה רוקח להרה"ק ר' אלעזר מאמסטערדאם זי"ע** לויט וואס מיר האבן געלערנט פאריגע וואך אין די סדרה אז א"א האט געזאגט "**א-ד-נ-י אם נא מצאתי חן בעיניך**". ברענגט רש"י 2 וועגן לויט איין פשט מיינט עס "קודש", און לויטן צווייטן פשט האט ער גערעדט צו די מלאכים. און לויט די וועג אז ס'מיינט "**קודש**" - זאגט רש"י - דארף מען זאגן אז די פסוקים גייען נישט אין סדר.

לויט דעם קען זיין אזוי, דוד האט גע'הרג'ט אורי' ווייל ער האט געהאלטן אז ער איז מורד במלכות ווייל ער האט געזאגט "**ואדוני יואב**" פארן קעניג, און עס פאסט נישט צו זאגן "**ואדוני יואב**" ווען דער קעניג איז דארט.

אויב זאגן "**אדוני יואב**" פארן קעניג הייסט א מורד במלכות צי נישט, ווענדט זיך אין די צוויי וועגן פון רש"י, ווייל אויב זאג איך אז אאע"ה האט געזאגט א-ד-נ-י פאר די מלאכים, ווען דער אייבערשטער איז דארט געווען, קען איך נישט זאגן אז דאס הייסט א מורד במלכות, ווייל אברהם אבינו וואלט דאך דאס נישט געטון. מילא איז דוד המלך נישט גערעכט אויף דעם וואס ער האט גע'הרג'ט אורי'. אבער אויב זאג איך אז אאע"ה האט גערעדט צום אייבערשטן קען איך יא זאגן אז זאגן "אדוני יואב" הייסט א מרידה במלכות, און דהמע"ה איז יא גערעכט געווען.

לויט דעם איז זייער שיין דער פשט אין די גמ' אז רבי וואס ער וויל אויפווייזן אז דוד האט נישט געזינדיגט מיטן הרג'נען אורי', און אורי' איז געווען א **מורד במלכות**, ווייל מ'טאר נישט זאגן "**אדוני**" ווען דער מלך איז דארט. מוז דאך האלטן אז דער **א-ד-נ-י** ביי א"א מיינט "**קודש**" און נישט די מלאכים, און אויב ער וויל זאגן דעם פשט מוז ער זיין א "**מהפך ודריש**" דארף ער איבערדרייען דעם סדר פון די פסוקים.

# ידוע תדע

מטרתו להרחיב ידיעות התלמידים בעניני הלכה ומנהג

ביי חסיד'ישע אידן האט מען אלס געוואוסט אז מ'איז שטארק מקפיד זיך צו קנעפלען רעכטס אויף לינקס, פארקערט פון די גוי'אישע וועלט ווי די מלבושים קומען געקנעפלט לינקס אויף רעכטס.

דער מקור פון דעם ווערט צום ערשטן געברענגט אינעם **איגרת הקודש פון הרה"ק רבי מנחם מענדל מרימנוב זי"ע** (נדפס בתחילת ספה"ק דברי מנחם) שרייבט ער בזה"ל: עוד חדשים מקרוב **באו במנהג חדש של עכו"ם שמהפכים ומניחים את השמאל של הבגדים על צד הימין** צו צוקנעפלין, ובזה מגבירים השמאל על הימין בעוה"ר". וואס פון זיינע הייליגע ווערטער קומט אויס אז מיטן זיך צוקנעפלען רעכטס אויף לינקס איז מען מגביר דעם כח פון די סטרא דקדושה, און מיטן לייגן לינקס אויף רעכטס איז פארקערט ר"ל.

אזוי אויך ווערט געברענגט אין ספה"ק **מנחם ציון** (סיפורים דף י"ב) זייער שארפע ווערטער "**בשביל כפתור אחד שמשנה על הבגד מימן לשמאל שורה על זה כמה מאות כיתות היצונים**".

אין ספה"ק **קדושת יום טוב** (פרשת אחרי) עה"פ כמעשה ארץ מצרים אשר ישבתם בה לא תעשו, שרייבט ער וזל"ק "הנה אף גם זאת ידוע שהאיש הישראלי צריך שיהיה ניכר ומובדל מהאומות העולם מלכת בדרכיהם ולא לעשות כמעשיהם בענין הלבושים, אשר עיני הרואות כי האומות העולם מגבירים השמאל על הימין במלבושם ובכל הדברים, **לא כן עם הקודש לה' כולם צדיקים, כולם טהורים ופרושים מסטרא דימינא, מגבירים תמיד הימין על השמאל בכל הדברים** כאשר נצטווינו לא תסור מן הדבר אשר יגידו לך ימין ושמאל כאשר גלוי וידוע דברי אאמו"ר זללה"ה בפי' הפסוק". לויט דעם קומט אויס אז דער טעם דערפון איז זיך צו דערווייטערן פונעם גוי, ווי ווייט מעגליך מיט יעדע זאך. (ועי' בתשובות והנהגות להגאון ראב"ד ירושלים שליט"א ח"א יו"ד סימן תנ"ג).

די **ספרים הקדושים** צייגן אויך אן אז ביי אידישע קינדער האט מען אלס מגביר געווען די רעכטע זייט, אזוי אויך ביים שרייבן הייבט מען אן צו שרייבן פון די רעכטע זייט, אנדערש ווי אלע גוי'אישע לשונות וואס זייער שריפט הייבט זיך אן ביי די לינקע זייט.

עס איז אינטערסאנט צו באמערקן וואס עס ווערט געברענגט אין **טעמי המנהגים** אז ביי די הויזן פלעגן חסידים דוקא מקפיד זיין אויף פארקערט, אז עס זאל זיין לינקס אויף רעכטס.

דער **טעמי המנהגים** זאגט א טעם דערויף, אז אזוי ווי מ'זעהט אז ווען מ'וואשט זיך די הענט אינדערפרי שטייט אז מ'זאל קודם גיסן מיט די לינקע הענט אויף די רעכטע האנט, און נאכדעם זאל מען נעמען דאס טעפל און גיסן מיט די רעכטע האנט אויף די לינקע, ווייל ווען די סטרא אחרא זעהט אז די רעכטע הענט איז מטהר אויך די לינקע איז ער נישט מקטרג אויף דעם וואס אידישע קינדער זענען ריין א גאנצן טאג, און ער באגענוגנט זיך מיט דעם אז די רעכטע האנט האט באדינט די לינקע האנט, וואס ווייזט אויף די סטרא דשמאלא. און דאס איז די סיבה  פארוואס חז"ל האבן אנגעזאגט אז מ'זאל נישט טרעטן אויף נעגל וואסער, ווייל די מזיקים האבן הנאה פון די וואסער, און אז מ'טרעט אויף דעם קען מען ח"ו געשעדיגט ווערן, דאס ווערט אנגערופן אז מ'גיט חנופה פאר די סטרא אחרא.

די זעלבע זאך ביים קנעפלען ווען אידישע קינדער זענען כסדר מגביר די רעכטע זייט אויף די לינקע זייט, גיט מען זיי נאך איין פלאץ וואו מ'איז מגביר דעם שמאל אויפן ימין, כדי זיי זאלן נישט מקטרג זיין. עכ"ד.

מ'דערציילט א באקאנט ווערטל וואס צייגט ווי ווייט עס איז געווען איינגעבאקן ביי חסיד'ישע אידן דאס ענין פון גיין רעכטס אויף לינקס, אז אין די תקופה פון די ערשטע וועלט מלחמה איז געווען א חסיד'ישער איד וואס האט געוואוינט אין א פוילישן שטעטל, ווען די רוסישע קרעפטן האבן זיך דערנענטערט, האט ער געטראכט ווי אזוי ער זאל זיך קענען ראטעווען דאס לעבן. אבער ער האט דאך געוואוסט אז וואו ער זאל נאר נישט אנטלויפן וועט מען דאך באלד באמערקן לויט זיין קליידונג אז ער איז א איד. איז אים איינגעפאלן א בליציגער געדאנק: ער האט זיך געטוישט די קנעפלעך פון לינקס אויף רעכטס, און אזוי איז ער ארויס אויפן גאס, זייענדיג זיכער אז יעצט זעהט ער אויס ווי א געהעריגער גוי...